בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת שמות תשפ"א** **גליון 583 [שנה י"ג]**

**שיינע דרוש- מהלך מיט פרעה און די מיילדות העבריות**

וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ מִצְרַיִם לַמְיַלְּדֹת הָעִבְרִיֹּת אֲשֶׁר שֵׁם הָאַחַת שִׁפְרָה וְשֵׁם הַשֵּׁנִית פּוּעָה: וַיֹּאמֶר בְּיַלֶּדְכֶן אֶת־הָעִבְרִיּוֹת וּרְאִיתֶן עַל הָאָבְנָיִם אִם בֵּן הוּא וַהֲמִתֶּן אֹתוֹ: וַתִּירֶאןָ הַמְיַלְּדֹת אֶת־הָאֱלֹקִים וְלֹא עָשׂוּ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶן מֶלֶךְ מִצְרָיִם וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים: וַיִּקְרָא מֶלֶךְ מִצְרַיִם לַמְיַלְּדֹת וַיֹּאמֶר לָהֶן מַדּוּעַ עֲשִׂיתֶן הַדָּבָר הַזֶּה וַתְּחַיֶּיןָ אֶת־הַיְלָדִים: (א טו–יח) אלע פרעגן פארוואס האט פרעה נישט געהייסן מען זאל נעמען מיילדות פון מצרים און זיי וועלן אים זיכער פאלגן? אויך דארף מען פארשטיין ווי אזוי האבן זיך די צוויי מיילדות ארויסגעדרייט פון פרעה און אים נישט געפאלגט? אויך וואס איז די שייכות וַתִּירֶאןָ הַמְיַלְּדֹת אֶת הָאֱלֹקִים, צו וואס פרעה האט זיי געהייסן? און אויב זיי האבן נישט מסכים געווען וואלטן זיי גלייך געקענט זאגן זיי ווילן נישט הרגנען די קינדער? נאך א דיוק שטייט וַיֹּאמֶר לָהֶן מַדּוּעַ עֲשִׂיתֶן הַדָּבָר הַזֶּה, וואס מיינט "הַדָּבָר הַזֶּה"? און ער וואלט געקענט נאר פרעגן פארוואס האט איר געלאזט די קינדער לעבן? אויך וואס מיינט וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים? נאר בדרך אפשר קען מען זאגן א מהלך אין די ענין: שטייט אז פרעה איז געווען פון די גרעסטע מכשפים אין דעם וועלט, און משה און אהרן האבן אויך געקענט כישוף, דעריבער האט פרעה געזאגט ביי די מכות עס איז כישוף, און די גמ' (סנהדרין יז) זאגט אז די סנהדרין האבן אויך געמוזט קענען כישוף עיי"ש, קען מען זאגן אז יוכבד און מרים [פּוּעָה –רעדט] האבן אויך געקענט כישוף, ממילא פרעה וואלט נישט געקענט געבן א גזירה בפרהסיא אז מען דארף הרגנען די קינדער ווייל קיינער וואלט נישט גערופן א מיילדת, און פאר די מיילדות פון די מצריים וואלט פרעה זיך געשעמט זיי הייסן הרגנען א קינד, האט ער געהאט א עצה, ער ווייסט אז יוכבד און מרים קענען כישוף האט ער זיי באפוילן זיך צו באנוצן מיט כישוף, וּרְאִיתֶן עַל הָאָבְנָיִם אִם בֵּן הוּא, אויב זיי זעהען אז עס א אינגל, וַהֲמִתֶּן אֹתוֹ מיט כישוף, און אזוי וועט קיינער נישט וויסן אז זיי האבן עפעס געטאן, און אויך פרעה האט גענוצט זיין כישוף עס זאל שאטן די קינדער, אבער זיי האבן געוואוסט אז מען טאר נישט מאכן כישוף ווייל וַתִּירֶאןָ הַמְיַלְּדֹת אֶת הָאֱלֹקִים, עס איז אסור צו מאכן כישוף! וְלֹא עָשׂוּ "כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶן" מֶלֶךְ מִצְרָיִם זיך באנוצן מיט כישוף, און זיי האבן געוואוסט דעם שם המפורש, און דאס האבן זיי גענוצט און געגעבן א כח פאר די קינדער צו בלייבן לעבן, אפילו פרעה האט געמאכט כישוף, און דאס איז פשט וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים צו אוועקנעמען די כח הכישוף, און עס איז מרומז וואס פרעה האט זיי געפרעגט מַדּוּעַ עֲשִׂיתֶן "הַדָּבָר הַזֶּה" וואס עס מיינט אז זיי האבן באנוצט מיטן שם המפורש אזוי ווי מיר האבן צוגעשטעלט אין קומענדיגן שטיקל ד"ת וַיִּשְׁמַע פַּרְעֹה אֶת "הַדָּבָר הַזֶּה" וואס "הַדָּבָר" איז דער שם המפורש, דעריבער האבן די מיילדות געקענט זיך פארענטפערן פאר פרעה. (שמח זבולון תשפ"א)

**פארוואס האט משה מורא געהאט פון פרעה?**

וַיַּרְא אִישׁ מִצְרִי מַכֶּה אִישׁ עִבְרִי מֵאֶחָיו: וַיִּפֶן כֹּה וָכֹה וגו' וַיַּךְ אֶת הַמִּצְרִי וגו' הֲלְהָרְגֵנִי אַתָּה אֹמֵר כַּאֲשֶׁר הָרַגְתָּ אֶת־הַמִּצְרִי וגו' וַיֹּאמַר אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר: וַיִּשְׁמַע פַּרְעֹה אֶת הַדָּבָר הַזֶּה וַיְבַקֵּשׁ לַהֲרֹג אֶת מֹשֶׁה וַיִּבְרַח מֹשֶׁה מִפְּנֵי פַּרְעֹה וַיֵּשֶׁב בְּאֶרֶץ־מִדְיָן: (ב' י"ב–י"ד) זאגט רש"י ד"ה אַתָּה "אֹמֵר": שהרגו בשם המפורש. לכאורה דארף מען פארשטיין אז עס שטייט וַיַּךְ אֶת הַמִּצְרִי, מיינט דאס דאך אז ער האט אים געשלאגן און געהרגט דורכדעם און נישט מיטן שם המפורש, איז דאס א סתירה? נאך איז שווער וואס מיינט די ווערטער אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר, וועלכע "דָּבָר"– זאך, איז דערוואוסט געווארן? אויך איז שווער פארוואס האט משה נאר יעצט מורא געהאט און נישט פריערט ביים הרגנען? און בכלל פארוואס האט פרעה געוואלט הרגנען משה? נאר מען קען ענטפערן: משה רבינו האט נישט מורא געהאט פון פרעה מיט דעם וואס ער האט געהרגט א מצרי, ווייל ער וואלט זיך בארעכטיגט, ווייל אין מצרים האט מען געפירט געזעצלאך, און יענער מצרי האט געוואלט הרגנען א איד אן א פארוואס, קומט אים מיתה, און בפרט אז משה איז געווען פון די בני בית פון פרעה האט ער געהאט די רעכט צו פארמיידן א עוולה. אבער דעם עצם זאך אז משה קען הרגנען מיטן שם המפורש האט ער נישט געוואלט אז פרעה זאל וויסן, ווייל דעמאלטס וועט פרעה אויך מורא האבן אז משה קען דאס טאן צו אים, און אים אויך הרגנען מיטן שם המפורש, און פרעה וועט אים וועלן הרגנען פאר פחד, און משה וועט מוזן אנטלויפן. דעריבער וַיַּךְ אֶת הַמִּצְרִי, משה האט געמאכט אזוי ווי ער שלאגט די מצרי, אבער באמת האט ער אים געהרגט מיטן שם המפורש, און דאס האבן זיי געזען, און האבן אים קלאר געזאגט: הַלְהָרְגֵנִי אַתָּה "אֹמֵר" כַּאֲשֶׁר הָרַגְתָּ אֶת הַמִּצְרִי, מיטן שם המפורש, וועגן דעם האט משה געזאגט אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר, אז זיי ווייסן דעם אמת אז איך האב געהרגט מיטן דָּבָר, רעדן. און דעריבער וועלן זיי דאס דערציילן צו פרעה, און תיכף נאכדעם וַיִּשְׁמַע פַּרְעֹה אֶת "הַדָּבָר הַזֶּה" – [דער זעלבע משמעות פון שם המפורש, המו"ל תשפ"א]– וועגן דעם האט משה באקומען זיין פחד, און וַיִּבְרַח מֹשֶׁה מִפְּנֵי פַּרְעֹה: ער זאל אים נישט הרגנען. (אמרי מאיר טננבוים)

**וואו האט משה געפאשעט די צאן?**

וּמֹשֶׁה הָיָה רֹעֶה וגו' וַיִּנְהַג אֶת הַצֹּאן אַחַר הַמִּדְבָּר וַיָּבֹא אֶל הַר הָאֱלֹקִים חֹרֵבָה: (ג א) שטייט אין תרגום אויף הַמִּדְבָּר: לַאֲתַר שְׁפַר רַעְיָא, דאס מיינט א פלאץ וואס האט א גוטע פאשע, כדי דאס צו פארשטיין, די גמ' (ב"מ דף ל"ו ע"ב) שרייבט אז א פאסטאך וואס נעמט זיין צאן אויף א הויך שפיציגע בארג, און א צאן שטארבט, איז דער רועה א פושע, אבער אויב די פאשע אויפן הויכע בארג איז זייער גוט, און א צאן שטארבט איז ער פטור, יעצט עס שטייט אין מדרש אז חֹרֵבָה איז דער לשון פון חֶרֶב, א שווערד, אז דער בארג איז געווען הויך און שפיציג ווי א שווערד, קומט אויס ווען משה רבינו ברענגט די צאן דארטן איז ער דאך א פושע, איז דען יתכן אז משה זאל איינשטעלן די צאן! דעריבער טייטש דער תרגום לַאֲתַר שְׁפַר רַעְיָא וואס דארטן איז געווען א גוטע פאשע, וועגן דעם האט משה רבינו געמעגט דארטן פאשען. (משנת רבי אליעזר, ר' אליעזר טרילינגער אב"ד קוסטל פפד"א תפ"ז)

**משיח וועט נתגלה ווערן פלוצלינג אליך א גואל אזוי ווי ביי משה**

וּמֹשֶׁה הָיָה רֹעֶה וגו' וַיִּנְהַג אֶת הַצֹּאן אַחַר הַמִּדְבָּר: (ג א) וְעַתָּה לְכָה וְאֶשְׁלָחֲךָ אֶל פַּרְעֹה וְהוֹצֵא אֶת עַמִּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם: (ג י) זאגט דער הייליגער חתם סופר אז משה איז יעצט געווען אכציג יאר אלט ווען דער אויבערשטער האט אים געזאגט וְהוֹצֵא אֶת עַמִּי, און ער איז געווען דער ערשטע גואל, פון כלל ישראל, און ביז דעמאלטס האט ער נישט

געוואוסט אז ער איז דער גואל, און אזוי איז געווען ביי **שאול המלך**, און אזוי וועט זיין ביי דעם דור וואס משיח וועט קומען בעזה"י בימינו אמן, אז דער אויבערשטער וועט זיך אנפלעקן צו איינעם און זאגן וְעַתָּה לְכָה וְאֶשְׁלָחֲךָ וְהוֹצֵא אֶת עַמִּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל מֵהַגָּלוּת: ווייל משיח ווייסט נישט אז ער איז משיח ביז דער אויבערשטער וועט אין א טאג קומען צו אים. (שו"ת ח"ו סי צ"ח ד"ה הרני וח"ס שמות י"ח ד"ה וירף)

## מדור העובדות

***** דער רבי האט איבערגעדרייט די מחלה פון זיין חסיד *****

ר' יעקיל מפראמפאל ע"ה איז געווען פון די נאנטע חסידים פון הרה"ק רבי מרדכי מקוזמיר זצ"ל בעל מחבר מאמר מרדכי זון פון הרה"ק רבי אברהם דער טריסקער מגיד זצוק"ל, און איידעם ביי הרה"ק ר' אשר השני מסטאלין זצוק"ל.

ער האט דערציילט וואס איז געשען מיט אים אז דער הייליגער קוזמירער האט געראטעוועט זיין לעבן. ער האט אנגעהויבן נישט פילן גוט און די דאקטוירים האבן נישט געזען עפעס ערנסט און ער האט זיך בארוהיגט, אבער מיט די צייט האט ער נישט געהאט כח און די שמערצן אין זיין גוף איז געווען נישט אויסצוהאלטן, איז ער געגאנגען צו א גרויסער דאקטאר וואס האט אים גוט אונטערגעזוכט, און נאך א פאר שעה האט דער דאקטער אים מבשר געווען נישט א גוטע בשורה אז ער האט יענע מחלה אין די נירן רח"ל, און ער קען אים נישט העלפן, אבער עס איז דא א דאקטאר אין ווארשא וואס איז א וועלטס מומחה אויף די נירן און ער וועט דיר קענען ראטעווען, און ער וועט בעטן אסאך געלט פאר דעם ווייל עס איז א שווערע ניתוח, אפעראציא, אבער בעזה"י וועסטו זיך קענען אויסהיילן. ר' יעקיל דאנקט אים און גייט אהיים און דערציילט זיין ווייב וואס דער דאקטער האט געזאגט, האט זי געזאגט אז מען דארף פארן פארט מען, זאגט ר' יעקיל אז עס וועט קאסטן א הון רב צו מאכן אזא ניתוח, און פון וואו וועלן מיר נעמען אזעלכע געלט? זיין ווייב איז געווען א חֲכָמָה, האט זי געזאגט: ערשטענס איז דיין לעבן טייער, און מען טאר נישט קוקן אויף קיין געלט! צווייטנס האב איך אַן עצה, אויפן וועג קיין ווארשא דארף מען סיי ווי דורכפארן דעם שטאט לובלין, און דער הייליגער רבי פון קוזמיר געפינט זיך יעצט דארטן, וועלן מיר אריינגיין צו אים, ער איז דאך א פועל ישועות און ער קען פויעלן א ישועה מיט אן א ניתוח!

ר' יעקיל ווערט בארוהיגט, און מען דינגט א גרויסע וואגן ווייל ר' יעקיל איז געווען זייער שוואך און האט געמוזט ליגן אין א בעט די גאנצע וועג. זיי זענען אנגעקומען קיין לובלין און געפארן צום רבין'ס שטוב, דער רבי האט געזען דעם מצב פון ר' יעקיל, און זיין ווייב האט דערציילט אלעס פארן רבין, דער רבי הייסט מען זאל שרייבן א קוויטל און דער רבי נעמט דאס ליינען און ווערט בלאס און זאגט: "פארפאלן אז דער דאקטער הייסט פארן קיין ווארשא דארף מען פארן קיין ווארשא"! ר' יעקיל איז געווען אסאך עלטער פון דעם רבין, און א קלוגער איד האט זיך אנגערופן: רבי! איך האב אליין געהערט פון הרה"צ ר' מאטילע פון חעלם זצוק"ל וואס ער האט געהערט פון הרה"ק ר' יוחנן פון רחמיסטריווקא זצוק"ל וואס האט געזאגט אז דער הייליגער טאטע דער מגיד פון טשערנוביל זצוק"ל האט געהאט אכט זין וואס אפילו דער קלענסטער זון קען מחיה מתים זיין, דעריבער בין איך זיכער אז דער רבי וואס איז א זון פון הייליגן טריסקער מגיד, האט אויך א כח מיר אויסצוהיילן אן א ניתוח! איך פאר נישט אין ווארשא און איך וועל נישט ארויסגיין פון דא ביז דער רבי וועט מיר צוזאגן א גאנצע רפואה אן א ניתוח, וואס דאס איז גרינגער פון מאכן תחיית המתים!

דער רבי איז געווארן ערנסט און זיין פנים האט געפלאקערט און נעמט זיך טראכטן ביז ער גייט אריין אין א שטאקע דביקות און ער איז נישט אין דעם עולם, ר' יעקיל און זיין ווייב געבן א תפילה אז דער רבי זאל זיין א גוטער שליח, און קוקן מיט פחד אויפן הייליגן צורה פון צדיק, און ווארטן ביז דער רבי וועט זיך צוריק כאפן, דער רבי קומט צוריק און זיין פנים ווערט נארמאל און גיט א שמייכל, און זאגט: בעזה"י איך האב פאר דיר א עצה און איך האף צום אויבערשטן אז איך האב געפויעלט א רפואה פאר דיר. אבער דו מוזט פארן קיין ווארשא צו א דאקטאר אבער וועסט נישט דארפן א ניתוח בעזה"י.

ר' יעקיל זאגט ער איז נישט מתנגד צו פארן, און דער רבי זאגט אין ווארשא איז דא דר. אורינשטיין און זאג אים אז איך האב דיר געשיקט און זאל דיר גוט אונטערזוכן, און בעזה"י ער וועט זיין די שליח דיר שיקן א רפואה אן קיין ניתוח! ר' יעקיל האט געדאנקט דעם רבין און האט גוט געאטעמט פון פרייד אז דער רבי איז געווען זיכער ביי אים אז ער וועט האבן א רפואה בקרוב. ר' יעקיל פארט קיין ווארשא און מען איז ווייטער מתפלל און קומען אן קיין ווארשא און מען באשטעלט א תור צום דר. אורינשטיין, ווען ר' יעקיל איז געקומען צום דר. און איבערגעגעבן אז דער קוזמירער רבי האט אים געשיקט, האט ער זיך זייער געפריידט און געזאגט ער איז זייער נאנט צום רבין, און געפרעגט וואס מאכט דער רבי? ר' יעקיל דערציילט וואס ער האט דורך געמאכט און וואס די דאקטוירים זאגן, האט דער דר. גענומען באטראכטן ר' יעקיל און נאך א פאר שעה גוט אונטערזוכן, האט דער דר. געזאגט: דיינע דאקטוירים האבן געגאנגען אויפן ריכטיגן גאנג, ווייל עס איז דא א מחלה אין דיי נירן אבער עס איז נישט קיין ערנסטע מחלה, און איך האב פאר דיר א רעצעפט וואס דו זאלסט נעמען און זאלסט זיך אפהאלטן פון עסן מילכיגס פאר א האלב יאר און וועסט בעזה"י ווערן געזונט, און ווען דו פארסט צוריק קיין לובלין זאלסטו מיר מזכיר זיין ביים רבין און שיקט מיט אים א קוויטל.

מען איז געגאנגען אין אפטייק און די רפואה האט נאר געקאסט צוואנציג גראשן, און ר' יעקיל האט גענומען א פאר פילן און מען איז געפארן תיכף קיין לובלין, דער רבי האט זיך זייער געפריידט און געזאגט אז דער דר. האט דיר גוט באטראכט, און געגעבן דעם ריכטיגן מעדיצין און היט זיך פון מילכיגס און בעזה"י וועסטו ווערן אינגאנצן געזונט, און מען האט זיך געזעגנט, האט ר' יעקיל אויסגעפירט אז די מעשה איז געשען פאר דרייסיג יאר צוריק און ב"ה איך בין יעצט אלט אבער געזונט כאחד האדם, זיע"א.

***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עס איז א שיינע מתנה***


סידור ישועות ישראל וואס ר' יענקעלע האט געדאווענט אין דעם און גוט אויסענוצט $5000 ספר רחמי האב שלמד בו הרה"צ ר' יואל זוסמאן מערץ זצוק"ל עם חתימתו $2000 נ"ך ג' חלקים הראשונים דפוס סלאוויטא ר' שמואל אבא $1000, ספר פרקי דרבי אליעזר עם כמה חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן $2000 ספר ספיח קציר בארדיטשוב תרס"ב עם הסכמת השטעפענישט הרה"ק ר' אברהם מתתיהו בהרה"ק ר' מרדכי שרגא, ברענגט חסידישע תורות פון צדיקים זייער נדיר $700,, ספר אמרי אלימלך עם הסכמת הסאדיגורא והמגיד מטריסק מצב מפואר $800 זיטאמיר ש"ס $6000, סידור אור לישרים זיטאמיר $18000, 2 בריוו פון אמרי חיים וויזניץ צו ראטעווען אידן פון רומעניא, 2 פסקים כת"י און חתימות פון הגאון ר' עקיבא איגר, $50000, תהלים בן ביתי דפוס ראשון שייך להרה"צ ר' יהודה צבי אייכנשטיין נכד הרה"ק ר' אשר ישעי' וחתן הרה"ק ר' ישראל צבי מקאסאן הי"ד $2500, ספר חסידים באזיל שמ"א $2000, ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים $2000, אסאך ספרים פון דער משפחה ביי אונז, סעט עצי חיים מצב מפואר $800 שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון בארדיטשוב.. בריוו פון מרחשת, דברי מלכיאל הגאון ר' אליעזר ראבינוביץ דער מינסקער גדול, מהגאון מראגאטשוב, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא, ר' ברוך בער, מהגאון ר' שך, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר' אברהם פאם, 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 1:30, **To receive pardes:**
**pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** א רשימה פון אונזערע ספרים און בריוון איז דא
*מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש אויך ספרים און אויך אלטע געלט*